

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת בא

# וואס מיינט 'נארמאל'?!

### פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים
כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון אייער טאטע

## פרשת בא

# וואס מיינט 'נארמאל'?!

אברהמ'ל איז געווען איבערגליקליך. זיין קאזין, אלישבע האט חתונה אין אמעריקע, און פעטער אנשיל האט איינגעלאדנט די גאנצע משפחה זאל קומען צו פליען פון ארץ ישראל, מיטצוהאלטן די שמחה און ער צאלט אויס אלע קאסטן!

אנקומענדיג אין לופט פעלד האבן די קינדער פלייסיג געהאלפן דעם טאטן אפלאדענען פון טעקסי אלע רענצלעך, פעק און זעק. אברהמ'ל האט געשלעפט די האנט באגאדשן, נחום משה און זאבי האבן צוזאמען זיך אן עצה געגעבן מיטן גרעסטן רענצל. און חי'לע האט געהאלפן די מאמע אריינבינדן שבי אין איר וועגל.

אויפן וועג אריין אין טערמינאל האבן נחום משה און זאבי נישט געקענט אויפהערן צו רעדן פון אלע מיני ערעפלאנען וואס זענען דא אויף דער וועלט. די קליינע אינגלעך, יוני און יעקב, האבן אויסגעשפרייט זייערע ארעמס צו צייגן אן ערעפלאן, אויסשרייענדיג, "וואוממם... וואוממם...!"

אברהמ'ל האט זיך ארומגעקוקט אויב איינער זעט וואס זיי טוען, "הער אויף," האט ער זיי גע'מוסר'ט, "ענק פארשעמען אונז!"

מען שטעלט זיך שוין אין די רייע ארויפצוגעבן די רענצלעך. א סעקיוריטי אגענט קומט צו און פרעגט זיי אויס עטליכע שאלות:

"האסטו אליין געפאקט דיינע רענצלעך?"

"מאמי האט געפאקט מיין רענצל," האט יעקב געענפטפערט, "און זי האט אריינגעלייגט אסאך 'גאנס' צו האבן אויפן ערעפלאן..." האט ער געפלאפלט.

"גאנס???" האט דער אגענט איבערגעפרעגט דערשראקענערהייט.

"יא," האט ער באשטעטיגט, "זי זאגט אז ס'איז גוט אז די אויערן זאלן נישט ווערן פארשטאפט ביים פליען אין די לופטן."

די מאמע האט זיך שנעל געריקט פאראויס, "יעקב, ס'איז 'גאם'," האט זי קלאר געמאכט די מיספארשטענדעניש, "איך האב געלייגט 'גאם' אין די רענצל, נישט 'גאנס'!"

נאָך אן אינטענסיווע זוך אקציע אין יעקב'ס רענצל און נאָך א טוץ שאלות וואס דער טאטע און מאמע האבן אן אויפהער געדארפט ענטפערן, האט מען זיי געלאזט ווייטער גיין.

חי' האט געטראפן א ליידיגע פלאץ צו זיצן און ליינען איר באליבטע ביכל. נחום משה און זאבי האבן זיך אוועקגעשטעלט ביים גרויסן פענצטער צו באטראכטן די ריזיגע עראפלאנען וואס גרייטן זיך ארויסצופליען.

נאר אברהמ׳ל איז פארטראכט; ער האט יעצט וויכטיגע דאגות. עס איז אים זייער אומבאקוועם דא. ער קוקט זיך ארום און באמערקט אז זיי זענען די איינציגסטע פרומע אידן אין דעם גאנצן פלאץ דא. אין ירושלים, ארומגענומען מיט ערליכע אידן, האט ער קיינמאל נישט געטראכט פון זיין אויסזען, אבער דא האט ער פלוצלונג באמערקט ווי אנדערש ער איז.

״וואוממם... וואוממם...!״ האט יוני ממשיך געווען מיט זיין ניגון, זיך פֿאַרשטעלנדיג ווי ער איז אן עכטע עראפלאן.

״וואוממ... וואוממ...״ האט אים יעקב צוגעהאלפן פון אונטן.

״וואאאההה!״ האט זיך געהערט קולות פון שבי׳ס וועגל...

מענטשן האבן זיך אויסגעדרייט צו דער רעש, און אברהמ׳ל איז רויט געווארן פאר בושה. עס זענען געווען נאך פאמיליעס אין דעם טערמינאל אבער אברהמל׳ס פאמיליע איז געווען די איינציגסטע מיט אזויפיל קינדער, בלי־אין־הרע. די אנדערע קינדער דארט זענען אלע געזעצן פארטיפט אין די געימס וואס זיי האבן געשפילט אויף זייערע כלים. זיי האבן נישט געמאכט קיין רעש, אדער ארויסגעלאזט א פיפס. יעדער איז געווען צוגענאגלט צו זיין פלאץ, נאר שבי איז געווען די איינציגסטע וואס האט געשריגן און געמאכט קולות.

אברהמ׳ל האט געשפירט ווי ער גייט אויס פאר בושה, ער האט נאר געוואלט איינזינקן אין דער ערד. ער האט נישט געוואלט אויסזען אזוי אנדערש, ׳הלוואי איז מיין משפחה ווי



יעדער דא, האט ער געקלערט מיט פארדרוס, בשעת ער האט אנגעהויבן צו ארייננשטעקן זיינע ציצית אין די הויזן.

דער טאטע האט אים געפאקט ביי די מעשה. "אברהמ'ל, וואס טוסטו?"

"טאטי, איך וויל נישט זיין אנדערש ווי יעדן איינעם," האט אברהמ'ל אויסגעשריגן אין א שטילע קול (אז קיינער ארום זאל נישט הערן...). פארוואס קענען מיר נישט זיין ווי יעדן? נארמאל, אנטון א בעיסבאל קעפ, און א טישורט, געהעריג ווי יעדן דא."

"נארמאל?!" האט דער טאטע נישט פארשטאנען, "מיר זענען די נארמאלסטע מענטשן דא!

אברהמ'ל האט געקוקט אויפן טאטן מיט צעמישטע בליקן...

"אברהמ'ל, איך וויל דיר עפעס מסביר זיין. אין די וואכעדיגע סדרה זאגט משה רבינו צו כלל ישראל: 'משכו וקחו לכם צאן,' ווייסטו וואס דאס מיינט?" פרעגט דער טאטע.

"אז זיי זאלן נעמען שאף פארן קרבן פסח?" האט אברהמ'ל פרובירט צוצוטרעפן.

"ריכטיג, אבער וואס איז מיטןווארט 'משכו'?" האט די טאטע געפרעגט: "די ווארט מיינט, 'שלעפן' אדער 'ציען'. דו ווייסט פארוואס משה האט אזוי געזאגט? ווייל ער האט נישט געוואלט אז די בני ישראל זאלן קויפן באהאלטענערהייט די שאף פארן קרבן. ניין! משה רבינו האט דא אנגעזאגט פאר די אידן, אז זיי זאלן שלעפן די שעפעלעך איבער גאנץ מצרים, איבער אלע גאסן. און ווען די מצריים וועלן פרעגן וואס דא גייט פאר? וועלן די אידן ענטפערן, 'אה, מיר גייען דאס שחט'ן פארן קרבן פסח.'

אברהמ'ל, דו וואלסט געקענט טון אזאנס?

געדענק, די תורה לערנט אונז דא א וויכטיגע כלל אין לעבן. ווען מיר טוען וואס מיר דארפן צו טון אלס אידן, דארפן מיר זיין שטאלץ און נישט זיך שעמען דערמיט. און נאכמער פון דעם, זאג דו מיר אליין, וואס איז מער נארמאל, צו טון וואס דער אויבערשטער האט אונז באפוילן? אדער טון וואס מענטשן אין גאס האבן מחליט געווען אז דאס איז נארמאל; נישט קיין חילוק ווי נאריש דאס איז?"

אברהמ'ל האט צום ערשטן מאל דא אין לופטפעלד, באוויזן א שמייכל. ער האט צוריק ארויסגעשלעפט זיינע ציצית און פארראכטן זיין קאפל אויפן קאפ. ער און זיין משפחה זענען די נארמאלסטע מענטשן דא אין דעם לופטפעלד!

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**


כל הזכיות שמורת